בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ״ק מרן אדמו״ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה״ה

**אבדק״ק סאטמאר יע״א**

**וגאב״ד עיה״ק ירושלים תובב״א**

סעודה שלישית

## בחוקותי תשכ״ז (חלק ב)

**וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב**

• ביאור דברי רש״י: דחמשה פעמים יַעֲקוֹב מלא ואֵלִיָּה חסר, לפי שיַּעֲקֹב נטל אות משמו של אֵלִיָּהוּ לְעֵרָבוֹן שיבוא ויבשר גאולת בניו • ביאור הפלוגתא בגמרא ומדרש בענין אם תמה זכות אבות • לענין הגאולה העתידה, לכולי עלמא לא תמה זכות אבות • שיטת ר״ת ור״י, על מה אנו סומכין להזכיר זכות אבות בתפילה • שייכות זכירת הארץ עם זכות האבות • על צדיקים גדולים אמרו על צדיק אחד העולם קיים • קבלת ערבות אם צריך תקיעת כף • האבות מצטערים בצערן של ישראל • האבות משתוקקים לקיים עוד מצות התלויות בארץ בחיים • סימן להגאולה, כשיחיו האבות הק׳ ויבואו עמנו • בגאולה העתידה תנצל הארץ מעלבונה •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ״ד לפ״ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright



צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**

**לשון קדשו - קונטרס רמא** (חלק ב) (**29** מינוט מתוך **77**) **זייער קלאָר** ★★★★★

**לשון קדשו:**
**929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך ***970*** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→3→1027. 2**


# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הגה״צ המפורסם, מרביץ תורה, מזכה את הרבים, קירב לבבות לתורה, שלוחו של רביה״ק זי״ע להרמת הדת ב׳לאס אנזשעלעס׳, מכותבי דברי תורתו, ועפ״י פקודתו ניהל מוסדותיו טו״ב שנים

רבי **יהושע העשל** זצ״ל **דייטש**

**אבד״ק פריימאן**, בעמ״ס קונטרס השבת, מעיני הישועה ושא״ס

בן החסיד המפורסם ר׳ **יחזקאל שרגא הלוי** ז״ל

נפטר כ״ה אייר תשס״ג

---

תלמידו הנאמן והגבאי צדקה של רביה״ק זי״ע

הרב החסיד רבי **שלום** ז״ל **לויפער**

בן הגה״צ רבי **ישכר בעריש** זצ״ל

דומ״ץ דזשיקוב בעמח״ס אהל תורה

נפטר כ״ח אייר תשס״ד

---

הרה״ח מחשובי תלמידי רביה״ק זי״ע בעיר סאטמאר, גמל חסד עם החיים והמתים, כל ימיו עסק לטובת הכלל לעשות רצון צדיק, ודבק נפשו במשנתו הטהורה

מוה״ר **דוד מאיר** ז״ל **ווייס**

בן הר״ר קלונימוס קלמן ז״ל

נפטר כ״ח אייר תש״נ

---

הרה״ח, הגה בתורה, טרח במצוות, משאו ומתנו באמונה, שם שמים נתאהב על ידו, מעשיהם של צדיקים דלה והשקה, ונתחמם באור רביה״ק זי״ע

רבי **מאיר** ז״ל **שטיין**

בן הר״ר משה ז״ל

נפטר כ״ח אייר תשע״ז

---

הרה״ח הנודע במדותיו הנפלאים, פעל ועסק בבניית העיר קרית יואל, ולהעמיד קרן הקדושה והצניעות, הקים בנינים לת״ת ומקוואות, וגמל חסד עם המתים והחיים

רבי **אברהם יושע** ז״ל **ווערצבערגער**

בן הרה״ח ר׳ **יחזקאל הלוי** ז״ל

נתמנה ע״י רביה״ק זי״ע להיות משמש בקרית יואל יצ״ו

נפטר כ״ד אייר תשע״ח

---

האשה החשובה והצדקנית יראת ה׳, התרחקה ממותרות, תפלותיה בדמעות ובתחנונים, שמרה פיה ולשונה, ביתה פתוח לאורחים, ובחורי ארגענטינא אכלו תמיד על שולחנה

מרת **סילקא** ע״ה **בראך**

ב״ר **אברהם צבי הכהן** ז״ל

אשת הרה״ח ר׳ **חנני׳ יום טוב ליפא** ז״ל

נפטרה כ״ה אייר תשנ״ז

---

קרן חיה רויזא
לע״נ הרבנית הצדקת חיה רויזא טייטלבוים ע״ה
בת כ״ק מרן רביה״ק זצוק״ל

הרה״ח רבי
**משה אפרים**
ב״ר **ארי׳** ז״ל
**הערשקאוויטש**

האשה החשובה
מרת **ליבא** ע״ה ב״ר **ארי׳** ז״ל
אשת הרה״ח ר׳ **יוסף יודא סופר** ז״ל
נפטרה כ״ה אייר תשל״ה


KolSatmar.com

כט

# קושיות ודקדוקים בפסוק וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי

הקדמה לקושיא יח

צום סוף [התוכחה] שטייט, - נאָך פאַרן לעצטן פסוק [של תוכחה], - **וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב, וְאַף אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק וְאַף אֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכֹּר, וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר.**

ל

במדרש כאן מביא, עד אימתי זכות אבות קיימת, ויש שם כמה שיטות בזה, באיזה זמן תמה זכות אבות

דאָ אין **מדרש** [אויף] וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי את אברהם את יצחק ואת יעקב, **שטעלט ער אַראָפּ דאָ אין מדרש**[א] [אַ שאלה], **עד כמה** [זכות אבות קיימת], **ווילאַנג איז געגאַנגען זכות אבות.** [און] **ס'איז אַ פלוגתא** [ביז ווען], **צי בימי חזקיה,** [צי] **בימי אליהו, ער רעכנט אויס** [כמה דיעות בזה].

לא

וכן איתא בגמרא שבת, דשמואל אמר תמה זכות אבות, ונחלקו שם אימתי תמה זכות אבות

**און די זאַך איז מבואר מער אין די גמרא, אין שבת דף נ״ה**[ב], [ס'איז דאָ] **אַ פלוגתא** [בזה], **שמואל זאָגט תַּמָּה זכות אבות,** [און] **רבי יוחנן זאָגט תָּחוֹן זכות אבות.**

[נאָכדעם] **פרעגט די גמרא 'ווען' האָט זיך דאָס אויפגעהערט דער זכות אבות,** [איז דאָ] **כמה פלוגתות אין דעם** [מאימתי תמה זכות אבות].

---

[א] **בויקרא רבה** (לו, ו): **עד מתי זכות אבות קיימת, ר' תנחומא אמר בשם ר' חייא בר מנחמא, ואמרי לה ר' ברכיה בר חלבו בשם רבא בר זבדא, עד יהואחז,** הדא הוא דכתיב (מלכים ב' יג, כג) וַיָּחָן ה' אֹתָם וַיְרַחֲמֵם וגו' עַד עָתָּה, עד עתה זכות אבות קיימת. ○ ר' יהושע בן לוי אמר **עד אליהו,** הדא הוא דכתיב (שם א' יח, לו) וַיְהִי בַּעֲלוֹת הַמִּנְחָה וַיִּגַּשׁ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וגו'. ○ שמואל אמר **עד הושע,** הדא הוא דכתיב (הושע ב, יב) וְעַתָּה אֲגַלֶּה אֶת נַבְלֻתָהּ לְעֵינֵי מְאַהֲבֶיהָ וְאִישׁ לֹא יַצִּילֶנָּה מִיָּדִי, ואין איש האמור כאן אלא **אברהם,** כמה דאת אמר (וירא כ, ז) וְעַתָּה הָשֵׁב אֵשֶׁת הָאִישׁ, ואין איש אלא **יצחק** שנאמר (חיי כד, סה) מִי הָאִישׁ הַלָּזֶה, ואין איש אלא **יעקב** שנאמר (תולדות כה, כז) וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם. ○ ר' יודן אמר **עד חזקיה,** כמה דאת אמר (ישעי' ט, ו) לְמַרְבֵּה הַמִּשְׂרָה וּלְשָׁלוֹם אֵין קֵץ וגו'. ○ ר' יודן ברבי בשם רבי ברכיה אמר, אם ראית זכות אבות שֶׁמָּטָה וזכות אמהות שֶׁנִּתְמוֹטְטָה, לֵךְ וְהִטָּפֵל בַּחֲסָדִים, הדא הוא דכתיב (שם נד, י) כִּי הֶהָרִים יָמוּשׁוּ וְהַגְּבָעוֹת תְּמוּטֶינָה, הרים אלו אבות, והגבעות אלו אמהות, ואחר כך 'וְחַסְדִּי' מֵאִתֵּךְ לֹא יָמוּשׁ (שם). ○ **אמר רבי אחא, לעולם זכות אבות קיימת,** לעולם מזכירין ואומרין (ואתחנן ד, לא) כִּי קֵל רַחוּם ה' אֱלֹקֶיךָ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַשְׁחִיתֶךָ וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת בְּרִית אֲבֹתֶיךָ וגו'.

[ב] **בגמרא שבת** (נה.): אמר רבי אחא ברבי חנינא, מעולם לא יצתה מדה טובה מפי הקב״ה וחזר בה לרעה, חוץ מדבר זה [פירש״י: שנאמר במקרא זה שהוציא דבור לטובה, ומפני עונש תוכחה חזר בו], דכתיב (יחזקאל ט, ד) וַיֹּאמֶר ה' אֵלָיו עֲבֹר בְּתוֹךְ הָעִיר בְּתוֹךְ יְרוּשָׁלָיִם וְהִתְוִיתָ תָּו עַל מִצְחוֹת הָאֲנָשִׁים הַנֶּאֱנָחִים וְהַנֶּאֱנָקִים עַל כָּל הַתּוֹעֵבוֹת הַנַּעֲשׂוֹת בְּתוֹכָהּ וגו' [אלו צדיקים], אמר לו הקב״ה לגבריאל **לך ורשום על מצחן של צדיקים תיו של דיו, שלא ישלטו בהם מלאכי חבלה** [שאני רוצה לשלוח בעיר], ועל מצחם של רשעים תיו של דם כדי שישלטו בהן מלאכי חבלה וכו' [עיי״ש עוד]. ○ ומאי שנא תיו, אמר רב, תיו 'תחיה', תיו 'תמות' [פירש״י: לרשעים]. **ושמואל אמר, 'תמה' זכות אבות. ורבי יוחנן אמר, 'תחון' זכות אבות.** וריש לקיש אמר, תיו סוף חותמו של הקב״ה, דאמר רבי חנינא חותמו של הקדוש ברוך הוא 'אמת'. רבי שמואל בר נחמני אמר, אלו בני אדם שקיימו את התורה כולה מאלף ועד 'תיו' [התיו סימן להם שקיימו התורה מראש ועד סוף]. ○ **מאימתי תמה זכות אבות,** אמר רב **מימות הושע בן בארי,** שנאמר (הושע ב, יב) אֲגַלֶּה אֶת נַבְלֻתָהּ לְעֵינֵי מְאַהֲבֶיהָ וְאִישׁ לֹא יַצִּילֶנָּה מִיָּדִי [שאין עוד זכות לאבות, שאכלוה]. **ושמואל אמר מימי חֲזָאֵל,** שנאמר (מלכים ב' יג, כב) וַחֲזָאֵל מֶלֶךְ אֲרָם לָחַץ אֶת יִשְׂרָאֵל כֹּל יְמֵי יְהוֹאָחָז, וכתיב (שם, כג) וַיָּחָן ה' אֹתָם וַיְרַחֲמֵם וַיִּפֶן אֲלֵיהֶם לְמַעַן 'בְּרִיתוֹ' אֶת אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב וְלֹא אָבָה הַשְׁחִיתָם וְלֹא הִשְׁלִיכָם מֵעַל פָּנָיו 'עַד עָתָּה' [אבל מכאן ואילך השליכם, ולא פנה אל ברית אבות]. רבי יהושע בן לוי אמר **מימי אליהו,** שנאמר (מלכים א' יח, לו) וַיְהִי בַּעֲלוֹת הַמִּנְחָה וַיִּגַּשׁ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וַיֹּאמַר ה' אֱלֹקֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיִשְׂרָאֵל 'הַיּוֹם' יִוָּדַע כִּי אַתָּה אֱלֹקִים בְּיִשְׂרָאֵל וַאֲנִי עַבְדֶּךָ וּבִדְבָרְךָ עָשִׂיתִי אֵת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וגו' [מדקאמר 'היום יודע' ותו לא, מכלל דתמה, ועל ידי רחמים הוזכרה להם בימי חזאל]. **ורבי יוחנן אמר מימי חזקיהו,** שנאמר (ישעי' ט, ו) **לְמַרְבֵּה הַמִּשְׂרָה וּלְשָׁלוֹם אֵין קֵץ עַל כִּסֵּא דָוִד וְעַל מַמְלַכְתּוֹ לְהָכִין אֹתָהּ וּלְסַעֲדָהּ בְּמִשְׁפָּט וּבִצְדָקָה מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם קִנְאַת ה' צְ-בָאוֹת תַּעֲשֶׂה זֹּאת וגו'** [ולא זכות אבות].

KolSatmar.com

לב

ובמדרש מסיים כי רבי אחא אומר דלעולם זכות אבות קיימת, ולא תמה, שנאמר וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת בְּרִית אֲבֹתֶיךָ

**דאָ אין מדרש רבה ברענגט ער דאָך אויך די פלוגתא.**

**און** [ער] **לאָזט אויס** [שמסיים המדרש], **אמר רבי אחא, זכות אבות 'לעולם' קיימת, שנאמר** (ואתחנן ד, לא) **וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת בְּרִית אֲבֹתֶיךָ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לָהֶם.**

**אַזוי זאָגט רבי אחא.**

לג

ובגמרא לא הביא הא דרבי אחא, רק מביא שם כמה פסוקים אחרים בענין מתי תמה זכות אבות, ואחד מהם הוא מהפסוק קִנְאַת ה' צְ־בָאוֹת תַּעֲשֶׂה זֹּאת, דמשמע ולא בזכות אבות

**נאָר אין די גמרא ווערט גאָרנישט געברענגט די מימרא דרבי אחא, אין** [גמרא] **שבת.** [אָבער] **דאָרט שטייט באריכות מער - אין די גמרא - די פלוגתא 'ווען'** [איז תמה זכות אבות, און] **די אַלע לִימוּדִים** [דערויף].

**איינס** [פון די לִימוּדִים] **זאָגט ער** [שתמה בימי חזקיה] **שנאמר** (ישעי' ט, ו) **לְמַרְבֵּה הַמִּשְׂרָה** [וּלְשָׁלוֹם] **אֵין קֵץ וגו' קִנְאַת ה' צְ־בָאוֹת תַּעֲשֶׂה זֹּאת. זאָגט רש"י,** [דמלשון זה] **איז געדרינגען אַז ס'האָט זיך אויפגעהערט זכות אבות, 'נאָר' קִנְאַת ה' צְ־בָאוֹת תַּעֲשֶׂה זֹּאת.**

**און איינער זאָגט בימי אליהו, און ער רעכנט אויס** [ווייל] **ער האָט געזאָגט 'הַיּוֹם' יִוָּדַע** (מלכים א' יח, לו), **אליהו האָט געזאָגט 'הַיּוֹם'** [ולא למחר].

**זיי זענען דאָרט מְחוּלָק** [בענין הזמן של תמה זכות אבות, ובענין הלימודים על זה].

לד

ועל זה דקדקו התוספות דאם תמה זכות אבות, אם כן האיך אנו מתפללין תמיד על הזכרת זכות אבות. ועוד שהרי מבואר כן בפסוק וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת בְּרִית אֲבֹתֶיךָ, וכדברי רבי אחא

**שטעלט זיך דאָרטן תוספות**[ג]**,** [דלכאורה] **ס'איז דאָך אַ דָּבָר פֶּלֶא** [מה שאמרו דתמה זכות אבות, דהלא] **מ'איז מִתְפַּלֵּל כסדר אויף זְכוּת אָבוֹת,** [וּכְגוֹן בתפילת] **זְכוֹר לָנוּ בְּרִית אָבוֹת** (שבסוף אמירת הסליחות), [און] **כְּסֵדֶר כְּסֵדֶר** [בהתפילות מזכירין תמיד זכות אבות].

[און] **די 'פְּסוּקִים' זאָגן וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת בְּרִית אֲבֹתֶיךָ.**

**און פלוּצִים** [זאָגט מען] **תַּמָּה זְכוּת אָבוֹת?**

לה

ונחלקו שם ר"ת ור"י בענין זה, דר"ת סובר דאף שזכות אבות תמה, אבל 'ברית' אבות לא תמה, ומייתי דהא כתיב כאן וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב, אף לאחר הגלות. והר"י הקשה על זה, ומחלק באופן אחר, דלרשעים תמה זכות אבות ולא לצדיקים, ושעל זה אנו סומכין להזכיר 'זכות אבות' בתפילה. וסיימו עוד התוספות בדברי רבי אחא שבמדרש דלעולם זכות אבות קיימת

**ס'איז דאָ גאַנצע פְּלוּגְתּוֹת** [בבעלי התוספות, לתרץ זאת].

**דער רבינו תם זאָגט, 'זְכוּת אָבוֹת' תמה, אָבער 'בְּרִית אָבוֹת' לא תמה.**

**און דער ר"י ווענדט עס אָפּ.** [דכן מוכח] **אין דעם פסוק וואָס די גמרא ברענגט**

---

[ג] **בתוספות** (שבת נה.): **ושמואל אמר תמה זכות אבות, ורבי יוחנן אמר תחון זכות אבות. אומר רבינו תם, 'דזכות' אבות תמה, אבל 'ברית' אבות לא תמה, דהא כתיב וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב אף לאחר גלות, ואנן אין אנו מזכירין זכות אבות, אלא 'הברית'** [דהאבות]. **ומפרש דשמואל דאמר מימי חזאל, דייק מדכתיב 'למען בריתו' ולא למען 'זכותו'. ○ ואומר ר"י, דבויקרא רבה** (לו, ו. המובא לעיל) **דייק מֵ'עַד עָתָּה', כדפירש בקונטרס. ולר"י נראה דלא פליגי שמואל ור' יוחנן, אלא שמואל קאמר דלרשעים תמה, אבל לצדיקים לא תמה, ובצדיקים איירי ר' יוחנן, תדע דהא ר' יוחנן אמר בסמוך דמימי חזקי' תמה זכות אבות, והכא קאמר דאף בשעת חורבן דבתר הכי, תחון זכות אבות. ועל זה אנו סומכין להזכיר 'זכות אבות'. ובשלהי ויקרא רבה** (שם, המובא לעיל), **רבי אחא אומר לעולם זכות אבות קיימת, ולעולם אנו מזכירים אותם, וכן הוא אומר** (ואתחנן ד, לא) **כִּי קֵל רַחוּם וגו' וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת בְּרִית אֲבֹתֶיךָ וגו'.**

KolSatmar.com

דאָרטן [לשמואל דסובר] אַז ס'האָט זיך אויפגעהערט [מימי חֲזָאֵל], דאָרט שטייט גאָר געמאָלדן **בְּרִית אָבוֹת** [שהיא תמה, און] **ווי רש״י זאָגט דאָרטן פְּשַׁט** [מדכתיב 'עַד עַתָּה', אבל מכאן ואילך לא. וכן מבואר בויקרא רבה. ואם כן מוכח דלא כפי' ר״ת דשמואל דייק מן לְמַעַן 'בְּרִיתוֹ' דעדיין נשאר ברית אבות, דהא כתיב שם 'עַד עָתָּה'].

און **דער ר״י זאָגט** [דמה שאמרו תמה זכות אבות] **דאָס מיינט מען פאַר רְשָׁעִים האָט זיך אויפגעהערט, ס'איז נישט מֵגִין** [אויף זיי], **אָבער פאַר צַדִּיקִים איז יאָ דאָ. ועל זה אנו סומכין להתפלל בזכות אבות, אַזוי זאָגט דער ר״י.**

[און] צום סוף זאָגט תוספות [דאנו סומכין] **סומכין אויפן מדרש** [דלעיל, ווייל] **אין מדרש שטייט רבי אחא** [אומר] **אַז זכות אבות 'לעולם' קיימת.**

לו

**קושיא יח**

אמנם יש להבין עוד להשיטות דתמה זכות אבות, האיך יפרשו בהפסוקים וְלֹא יִשְׁכַּח בְּרִית אֲבֹתֶיךָ, וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וגו'

**יח)** [אָבער] **דאָס גאַנצע** [ענין] **דאַרף מען** [נאָך] **פאַרשטיין, וויאַזוי האָבן זיי געלערנט פְּשַׁט אין די פְּסוּקִים, וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת בְּרִית אֲבֹתֶיךָ, וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי את אברהם את יצחק ואת יעקב, וויאַזוי האָט מען געלערנט פְּשַׁט** [דערין], **די וואָס זאָגן אַז תַּמָּה זְכוּת אָבוֹת.**

לז

ומה שמתרץ ר״ת לחלק בין זכות לברית, כבר הקשה על זה הר״י. אמנם אף לתירוץ הר״י קשה, דאם זכות אבות הוא רק לצדיקים, אם כן אכתי האיך אנו סומכין להתפלל עזה, וכי צדיקים אנחנו ולא חטאנו

מילא [וואָס] **דער רבינו תם** [מתרץ בזה לחלק בין זכות אבות לברית אבות] **איז דאָך שווער אויכעט** [לתירוצו], **פרעגט דאָך** [שוין] **דער ר״י** [דערויף]. **און ווידער** [דעם תירוץ] **וואָס דער ר״י זאָגט** [אַז] **פאַר צדיקים** [לא תמה, ג״כ קשה] **נו וויאַזוי איז מען מִתְפַּלֵּל** [על זכות אבות, וכי] **עפּעס זאָגט מען דען צַדִּיקִים אֲנַחְנוּ** [וְלֹא חָטָאנוּ[ד], ואם רק בצדיקים שייך זכות אבות, אם כן '**אויף דעם אַרויף' קען מען גאָרנישט מִתְפַּלֵּל זיין** [על הזכרת זכות אבות], **מ'קען** [דען] **קלערן** [אויף זיך אַז] **מ'איז צַדִּיקִים?** (המשך וסיום הקושיא, באות מ)

לח

**ישוב קושיא יח (באופן ראשון)**

וכבר אמרתי לתרץ לפי תירוץ הר״י, כי אין הכוונה על צדיקים גדולים שעליהם אמרו על צדיק אחד העולם קיים, אלא סגי בצדיקים כאלו שהם צדיקים לפי ערך אותו הדור, ויש להם קצת זכותים הראוי להצטרף זכותם עם זכות האבות

**איך האָב אַמאָל געקלערט אפילו,** [בישוב קושיא זו]. **איך מיין דער פְּשַׁט איז אַנדערש, אַז צדיקים** [שבדור, הם מגינים על הדור בצירוף הכח של זכות האבות הק'].

**וואָרן לעולם אַזעלעכע** [גרויסע] **צדיקים ווי אברהם אבינו וכדומה, איז דאָך אפילו 'איינער' מֵגִין אויפן דוֹר.**

[ווי] **זיי זאָגן דאָך דעם פְּשַׁט**[ה], **פאַרוואָס ס'האָט געמוזט זיין חֲמִשִּׁים צַדִּיקִים אין**

---

[ד] והלא אנו אומרים בסדר וידוי, 'שֶׁאֵין' אָנוּ עַזֵּי פָּנִים וּקְשֵׁי עֹרֶף לוֹמַר לְפָנֶיךָ 'צַדִּיקִים אֲנַחְנוּ' וְלֹא חָטָאנוּ, אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ.

[ה] **באור החיים הק'** (וירא יח, לג): וַיֵּלֶךְ ה' כַּאֲשֶׁר כִּלָּה וכו'. ולא נתן לו מקום להתפלל על פחות משיעור זה, לצד שכבר אמר אברהם וַאֲדַבְּרָה אַךְ הַפַּעַם, ולא יוסיף דַּבֵּר עוד בדבר הזה. או לצד שיודע ה' כי לא תהיה הגנה בפחות מעשרה. והגם שמצינו להרשב״י שאמר (זוהר ח״א פב.) וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם, [דעל צדיק אחד קאי עלמא], אפשר שזה יהיה כשיהיה צדיק מופלא. ואפשר שאם היה אברהם בקרבה של סדום היה ממלט כל העיר. [ועיין עוד באוה״ח הק' פרשת נח (ו, יד), ובדברי יואל וירא (עמוד תלח, ד״ה וכתבו המפרשים)].

[ועיין עוד בבראשית רבה (מט, כה) וביפה תואר שם, והובא בדברי יואל נח (עמוד קסב)].

KolSatmar.com

**סְדוֹם** [להגן על כל החמשה כרכים, פאַרוואָס] **אַזוי גרויס,** [והלא אפילו] **על צדיק אחד העולם מתקיים**[ו].

**נאָר וואָס דען,** [דבכדי להגין בזכות צדיק אחד] **דאַרף מען זיין זייער גרויס, אַזוי ווי אברהם אבינו, און משה רבינו וכדומה. אָדער רבי שמעון בר יוחאי**[ז] **וואָס ער האָט געזאָגט**[ח] **ער איז 'איינער' אין דוֹר.**

**און אַז מ'איז נישט אַזוי גרויס** [בעצם, רק לעומת אנשי הדור, אז צריך שיהיו לכל הפחות 'עשרה' צדיקים בתוך העיר עצמו].

לט

**נאָר וואָס דען** [לענינינו, אם יש צדיקים בדור, אף לפי ערך הדור, ובנוסף לזה] **אַז פאַר 'זיי' איז נאָך דאָ זְכוּת אָבוֹת** [אויך], **האָבן זיי דאָך דעם כֹּחַ פון די אָבוֹת,** [ובצירוף זכותם וזכות האבות] **קענען זיי מֵגִין זיין אויפן דוֹר.**

**איבערדעם** [סומכין בתפילה להזכיר זכות אבות כאילו] **צַדִּיקִים אֲנַחְנוּ. נישט 'פאַר זיך' אַליין** [זעמיר צדיקים], **נאָר** [מ'פאַרלאָזט] **אויף 'די'** [על צדיקי הדור לפי הערך, שהם עדיין יש להם הכח להצטרף זכותם עם זכות האבות הק'].

מ

**המשך וסיום קושיא יח**

**אבל מכל מקום אין זה מספיק, דלפי פשוטו נראה מהפסוקים דלעולם זכות אבות קיימת, וכמו שסיים המדרש בשם רבי אחא, וצריך הסבר האיך יתפרשו פסוקים אלו לאותן שאמרו דתמה זכות אבות, ובפרט דבגמרא לא הביא כלל הא דרבי אחא**

[אָבער] **על כל פנים איז דאָך שווער, בְּפַשְׁטוּת דאַרף מען פאַרשטיין** [האיך אפשר לומר דתמה זכות אבות, והלא בפסוקים מבואר דלא תמה, וכן נזכר זאת תמיד בהתפילות].

---

[ו] באור החיים הק' דלעיל מביא כן בשם הזוהר. וכן מבואר גם **בגמרא יומא** (לח:): ראה הקב"ה שצדיקים מועטין, עמד ושתלן בכל דור ודור, שנאמר (שמואל א' ב, ח) כִּי לַה' מְצֻקֵי אֶרֶץ וַיָּשֶׁת עֲלֵיהֶם תֵּבֵל. ואמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן, **אפילו בשביל צדיק אחד העולם מתקיים**, שנאמר (משלי י, כה) וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם.

[ז] **יש לציין שדברי רבינו הקצרים אלו הם מענינא דיומא, כי במוצ"ש בחקותי תשכ"ז, חל ליל ל"ג בעומר.**

**וראוי להעתיק בענין זה מה שאמר רבינו בשיחה אצל סעודת ל"ג בעומר תשי"ג, וז"ל:** [אחד מן המסובין שאל את רבינו האיך היה לרשב"י מנין בהמערה, ונענה רבינו]: **הַא? ער האָט נישט געהאַט קיין מנין? ווער האָט מַשְׁלִים געווען מנין?** [אפשר לומר דבגודל קדושתו היה סגי] .. **אים אליין, די גמרא זאגט** (ביומא, והובא לעיל) **על צדיק אחד העולם קיים שנאמר** (משלי י, כה) **וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם, ער אַליין איז געווען מנין ..** [הגם] **ער איז געווען איין מענטש, אין הכי נמי, טאַקע די גאַנצע וועלט** [היה הוא שקול כנגדם]. **ער אַליין האָט אַזוי געזאָגט, .. און די גמרא זאָגט אַזוי** (בסוכה, והובא להלן) [שאמר רשב"י] **אם שנים הן, אני ובני רבי אלעזר, און אין מדרש שטייט** (בפסיקתא המובא להלן) **ואם חד הוא 'אנא' הוא. אַ פֶּלֶא דער מדרש זאָגט .. ○ ער האָט דאָך געמאַכט דעם זוהר .. אלע תנאים ואמוראים, .. מ'טרעפט אין די גמרא** (שם) [שאמר] **יכולני לפטור את כל העולם ביז תחיית המתים.** (הועתק כאן לראשונה מן הריקאָרדינג שנקלט בשעתו).

[ח] **בגמרא סוכה** (מה:): **אמר חזקיה אמר רבי ירמיה משום רבי שמעון בן יוחאי, יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין** [פירש"י: בזכותי אני סובל כל עונותיהם, ופוטרן מן הדין], **מיום שנבראתי עד עתה. ואילמלי אלעזר בני עמי, מיום שנברא העולם ועד עכשיו. ואילמלי יותם בן עוזיהו עמנו** [צדיק היה ועניו יותר משאר מלכים, וזכה בכיבוד אביו, ועליו נאמר (מלאכי א, ו) בֵּן יְכַבֵּד אָב, שכל הימים שהיה אביו מצורע והוא היה שופט עַם הארץ, כדכתיב (דברי הימים ב' כו, כא) וְיוֹתָם בְּנוֹ שֹׁפֵט וגו', לא נטל עליו כתר מלכות בחייו, וכל דינין שהיה דן אומרן בשם אביו], **מיום שנברא העולם ועד סופו** [עד שיכלה העולם]. **ואמר חזקיה אמר רבי ירמיה משום רבי שמעון בן יוחאי, ראיתי בני עלייה והן מועטין** [רואה אני לפי מעשה הבריות, שבני עלייה - כת המקבלין פני שכינה - מועטים הם], **אם אלף הן, אני ובני מהן. אם מאה הם, אני ובני מהן. אם שנים הן, אני ובני הן.** - (ועיין בזה גם בגמרא סנהדרין צז:).

**ובפסיקתא רבתי** (פסקא יא, אות טו): **ר' חזקיה בשם ר' ירמיה, כך היה רבי שמעון בן יוחי אומר, נשבע הקב"ה לאבינו אברהם שאין העולם פחות משלשים צדיקים כמוהו, ומה טעמא, וְאַבְרָהָם הָיוֹ 'יִהְיֶה'** (וירא יח, יח), **מנין 'יִהְיֶה', י' עשרה, ה' חמשה, י' עשרה, ה' חמשה, הא תלתין. ואם חד הוא אנא הוא. רבי חזקיה בשם רבי ירמיה, כך היה רבי שמעון בן יוחי אומר, יְקָרֵב אברהם מן גביה ועד גבי, ואנא מְקָרֵב מן גבי עד ייתי מלכא משיחא. וְאִין לָא, יצטרף עמי אחיה השילני, ואנן מקרבין כולא עלמא על תליתאה.**

און **רבי אחא זאָגט** [טאַקע] **אַזוי** [דלעולם לא תמה]**, און צום סוף** [במסקנת התוספות] **איז דאָך דער עיקר** [מה שאנו סומכין להתפלל] **איז** [ווייל] **רבי אחא זאָגט** [דזכות אבות קיימת] **אייביג.**

און די וואָס זיי קריגן אויף רבי אחא'ן [עדיין צריך ביאור מה יענו על הפסוק ולא ישכח וגו', ועל הזכרת זכות אבות שבתפילות. ובפרט שהרי] **אין די גמרא ווערט גאָר ניטאַמאָל געברענגט רבי אחא'ס מימרא, נאָר דאָ אין מדרש רבה, טאַקע דאָ אויף דעם פסוק** [וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב] **אין די וואָכעדיגע סדרה.**

מא

**קושיא יט**

בפסוק וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר, מביא במדרש מהשואל בשלום בניו, שהוא שואל גם בשלום המגדלת אותם. ועל דרך זה כשמזכיר זכות האבות, מזכיר גם זכות הארץ עמהם

[ושוב נאמר] **וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר.**

[ובענין] **וואָס איז טייטש וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר, איך וועל געדענקען הָאָרֶץ. שטייט אין מדרש**[ט] **אַ מָשָׁל, איינער האָט געהאַט דריי קינדער, און ער האָט** [זיי] **איבערגעגעבן פאַר אַ שִׁפְחָה זי זאָל עס מְגַדֵּל זיין,** [און] **ווען דער פאָטער פרעגט** [איבער] **שְׁלוֹם בָּנָיו, פרעגט ער** [אויך איבער] **די שְׁלוֹם הַמְגַדֶּלֶת.**

**זאָגט ער** [דכן הוא בהנמשל]**, אַז מ'איז מַזְכִּיר בְּרִית אָבוֹת, איז מען מַזְכִּיר הָאָרֶץ אויכעט,** [ווייל] **די ארץ האָט מְגַדֵּל געווען** [את הבנים]**.**

מב

ויש להבין הכוונה בזה לפי הנמשל, ושייכות זכירת הארץ עם זכות האבות

**יט)** [אמנם אכתי צריך ביאור] **לכאורה וואָס איז דער פְּשַׁט** [אַז] **הָאָרֶץ איז מגדלת,** [און] **מ'פרעגט** [בשלום] **הָאָרֶץ.**

מג

**קושיא כ**

והאלשיך וכן הבעל העקידה פירשו בכוונת אומרו וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר, דהוא על דרך תוכחה, שאמר כי כבר היה זוכר את ברית האבות, אמנם אני זוכר גם עלבון הארץ במה שעברו על השמיטות, וזהו המעכב

**דער אלשיך הקדוש**[י] **און דער בעל עקידה**[יא] **גייען אויף איין דֶרֶךְ,** [אַז] **דער וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר איז גאָר** [פְּשַׁט אויף] **פאַרקערט.**

---

[ט] **בויקרא רבה** (לו, ה)**: ולמה הוא מזכיר זכות אבות, ומזכיר זכות הארץ עמהם. אמר רבי לוי, משל למלך שהיה לו שלשה בנים, ושפחה אחת משלו מגדלתן, כל זמן שהיה המלך שואל שלום בניו, היה אומר שאלו לי בשלום המגדלת. כך כל זמן שהקב"ה מזכיר אבות, מזכיר הארץ עמהם, הדא הוא דכתיב וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וגו' וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר.**

[י] **בתורת משה להאלשיך** (בפרשתן, כו מב)**: וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וְאַף אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק וְאַף אֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכֹּר וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר וכו'.** והנה אמרו רבותינו ז"ל (ויקרא רבה לו, ה) למה באברהם ויצחק נאמר 'אַף', וביעקב לא נאמר 'אַף', אלא יעקב שהיתה מטתו שלמה לא נאמר בו אַף וכו'. אך אין ספק שכוונתם היא למה התחיל ביעקב באופן שלא נאמר בו אף, שהיא ראשון בפסוק. קושיא אחרת למה היפך הסדר והזכירם מלמטה למעלה, ולא החל מאברהם להזכירם כסדרן. אך הוא כי ברחמיו יתברך להפליא חסדו לנו, לא רצה להתחיל מאברהם, כי יש בו אף שהוליד את ישמעאל, וכן ביצחק על עשו, באופן תמצא מדת הדין מקום לבלתי הניח כח הרחמים להשלים הטובה. על כן התחיל מיעקב שמטתו שלמה, כי בו אין פתחון פה לבלתי התמלא רחמים. וזהו וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב, ועל כן יעקוב נכתב פה מלא. ואז אחר שהתחיל באילן גדול ויסכרו פיות הקטיגורים המנגדים, גם בהזכיר את יצחק לא ינגדו. וזהו וְאַף אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק, כלומר עם שיש בו אף, לא יהיה בו ניגוד, אחר שבראשון לא מצאו בו ניגוד רפתה ידם. ועל דרך זה וְאַף אֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכֹּר וכו'.

ועדיין היה אפשר לומר ואף את בריתי אברהם 'אזכור' והארץ, ויחזור אל אברהם ואל הארץ [ולמה חזר

KolSatmar.com

דער פְּשַׁט איז, דער בורא כל עולמים זאָגט, איך העט געדענקט דעם בְּרִית אָבוֹת, בְּרִיתִי יִצְחָק וְאֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב, איך העט [עס] געדענקט [פאר אידן], אָבער איך קען נישט סוֹבֵל זיין [דעם] עֶלְבּוֹן הָאָרֶץ, [וואָס] מ'האָט עוֹבֵר געווען [אויף] די שְׁמִיטוֹת, [ושאר] מִצְוֹת הַתְּלוּיוֹת בָּאָרֶץ, [ועל זה נאמר] וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר, [דהכוונה כי] דורכדעם זענען די אַלע עוֹנְשִׁים געווען, [ווייל] איך האָב געדענקט דעם עֶלְבּוֹן הָאָרֶץ.

אַזוי טייטשן זיי דער **אלשיך** און דער **בעל עקידה**, ביידע.

מד

אמנם לפירושם קשה, שהרי חזינן דבהתפילות שתקנו לבקש על זכירת זכות אבות, מזכירין גם סוף הפסוק וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר. וכן במדרש הנזכר מוכח דזכירת הארץ הוא לטובה, ולא לפורענות. ואם כן הוא לכאורה סתירה לפירושם

כ) אָבער ס'איז שווער צו זאָגן אַז 'דער פסוק' איז גאָר אַן עוֹנֶשׁ, [שהרי] נו מ'זאָגט דאָ כסדר אין די תפלות (בסוף הסליחות) **זְכוֹר לָנוּ בְּרִית אָבוֹת כַּאֲשֶׁר אָמַרְתָּ, וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקֹב אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק און וְהָאָרֶץ אֶזְכּוֹר**. מ'איז דאָך מִתְפַּלֵל אַלע תְּפִלּוֹת, און מ'בעט זיך מ'זאָל געדענקען בְּרִית אָבוֹת אַזוי ווי ס'שטייט אין פסוק, [כַּאֲשֶׁר אָמַרְתָּ] אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט, און מ'זאָגט דעם 'גאַנצן' פסוק [וגם הסיפא] וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר. און לויט דעם פְּשַׁט [של האלשיך והעקידה] דאַרף מען דאָך נישט מִתְפַּלֵל זיין אויף דעם ס'זאָל זיין וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר, וואָרן דער **וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר** איז דאָך אַן עוֹנֶשׁ, [דקאי אויף] דער עלבון הארץ, [וואָס] דורכדעם האָט מען זיי מַעֲנִישׁ געווען, וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר איז דאָך אויפן עלבון אַרויף, אויפן עוֹנֶשׁ, [לויט] אַזוי ווי זיי טייטשן דער **אלשיך** מיטן **בעל עקידה**. איז דאָך שווער צו פאַרשטיין [דעם פשט].

[און אַזוי] אויך אין די מאמרי חכמינו ז"ל אין די **מדרשים**, כסדר זעט אויס אַז דעס כְּרִיתַת בְּרִית אָבוֹת דאָס איז גאָר פאַרקערט, דאָס איז לְמַעֲלְיוּתָא, לְטוֹבָתָם, 'דאָס' איז דער פְּשַׁט [אין] וְהָאָרֶץ [אֶזְכֹּר].

---

ואמר עוד הפעם והארץ 'אזכור']. אך כיוון הוא יתברך לאמר מה אעשה לכם בָּנַי, ויש לכם מיימינים ומשמאילים. כי הנה זכירת יעקב היא העוזרת אתכם בעצם, וכן יצחק וכן אברהם, גם שבהם אף, עם כל זה אזכור בריתם. אך מה אעשה כי לעומת זה וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר, כי זכירת הארץ מנגדת אתכם, על שבתותיה אשר ביטלתם. ואברהם ויצחק אין מהם עזר בעצם, כי יש לזה נגוד מישמעאל ולזה מעשו. לכן מה אעשה, לענין האבות אתחיל מיעקב, ועל ידי כן גם מאברהם ויצחק תעזרו כמדובר, שגם אלה אֶזְכּוֹר. אך מה אעשה כי לעומתם הָאָרֶץ אֶזְכּוֹר אשר ביטלתם שבתותיה, ויהיה ניגוד. לכן על דבר הארץ אפייסנה כי וְהָאָרֶץ תֵּעָזֵב מֵהֶם וְתִרֶץ אֶת שַׁבְּתֹתֶיהָ. ועל כן הפסיק בין הארץ לאברהם במלת אזכור, כי אין הזכירות שוות, כי אם הפכיות כמדובר, כי של האבות הם לטובה, ושל הארץ להפך. ○ ואז בהיות הארץ עזובה מהם, יתנו אל לבם לגמור התשובה. וזהו וְהֵם יִרְצוּ אֶת עֲוֹנָם, כי ישובו מאהבה עד עשות מהזדון זכות ורצון וכו'.

[יא] **בעקידת יצחק בפרשתן** (שער ע): וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וְאַף אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק וְאַף אֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכֹּר וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר. ירצה, כל עוד שלא ייכנע לבבם הערל, אלך עמם בקרי, ולא יגין עליהם שום זכות, ואף על פי שאזכור את בריתי אשר את יעקב אביהם, ואף את בריתי אשר את - עם - יצחק אביו אשר נעקד לפני, ואף את בריתי אשר את אברהם אביהם אשר היה ראש היחס ותחלת האמונה, לא יועיל להם, **כי את כלם אזכור, וְהָאָרֶץ אֶזְכּוֹר יותר, כי עלבונה תמיד לפני, מאשר לא שָׁבְתוּ בְּשַׁבְּתֹתֵיכֶם עליה**, ומכרו את עצמם לעבדים לה. ○ וְהָאָרֶץ תֵּעָזֵב מֵהֶם וְתִרֶץ אֶת שַׁבְּתֹתֶיהָ בָּהְשַׁמָּה מֵהֶם וְהֵם יִרְצוּ אֶת עֲוֹנָם יַעַן וּבְיַעַן בְּמִשְׁפָּטַי מָאָסוּ וְאֶת חֻקֹּתַי גָּעֲלָה נַפְשָׁם. ביאר שסוד השמיטות ומצותם, הוא ענין שהוטל עלינו בין בהיותנו בארץ או חוצה לה, והוא אומרו וְתִרֶץ אֶת שַׁבְּתֹתֶיהָ בָּהְשַׁמָּה מֵהֶם וגו' יַעַן וּבְיַעַן בְּמִשְׁפָּטַי מָאָסוּ וְאֶת חֻקֹּתַי גָּעֲלָה נַפְשָׁם, כי ענין עזיבת השמיטות הוא עצמו מיאוס משפטי התורה וגיעול חוקיה, אשר יוכלו לשבות מהם בהשמה מהם, ויען לא שבתו, יארך עליהם הגלות, כמו שכתבנו בשער הקודם. ○ ויראה, **כי אלו התוכחות האחרונות, מפלשות ובאות עד סוף הגלות המר הזה אשר אנחנו באפילתו**, כי לזה אמר ראשונה וַהֲשִׁמּוֹתִי אֶת מִקְדְּשֵׁיכֶם, לכלול שממות מקדש שני, אשר נמשכו אחריו כל הרעות שהזכיר, בְּעוֹדֵנוּ נדים ונעים מטולטלים ונרדפים בארצות אויבינו, כי הוא ודאי זמן ארוך להרצות הארץ את שבתותיה כמה פעמים.

KolSatmar.com

מה

גם תמוה דלפי דבריהם נמצא דבפסוק אחד חציו הוא לטובה, וחציו הוא לפורענות

און דערנאָך [קשה לפרש כדרכם, דלפי זה נמצא כי] אַ האַלבער פָּסוּק [הוא לזכות ולטובה, וחציו להיפוך].

מו

ועוד דאם הוא מן התוכחות היה לו להזכיר כן בתחילת פרשת התוכחה, ולא בסופה

[ועוד קשה לדבריהם], און [ער] לאָזט אויס **וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר צום סוף**, נאָך די [גאנצע] תוכחה, [ולדרכם לכאורה הסברא כי] ס'האָט געדאַרפט שטיין [אין] **תְּחִלַּת** [התוכחה], ביים עוֹנֶש. ער לאָזט אויס דאָ [לבסוף, כי] **וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר.**

מז

**קושיא כא**

בפסוק וְאַף גַּם זֹאת וגו' לֹא מְאַסְתִּים וגו', יש להבין הנתינת טעם במה שמסיים 'כִּי' אֲנִי ה' אֱלֹקֵיהֶם

**וְאַף גַּם זֹאת בִּהְיוֹתָם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם 'כִּי' אֲנִי ה' אֱלֹקֵיהֶם.**

כא) וואָס זאָגט ער אַ [נתינת] טַעַם ['כִּי' אֲנִי ה' אֱלֹקֵיהֶם], דער בורא כל עולמים איז דאָך ביי יעדן, [כי לו כל הארץ ומלואה. ואם כן אין זה סיבה וטעם לדבר, במה שישמור את הכלל ישראל מכליון יותר מהאומות, אלא אדרבה לטעם זה היה ראוי להיות כל אנפין שוין].

מח

אין די **גמרא** איז דאָ דרשות [דערויף]. איך וועל שמועסן שפּעטער (באות ריח), וועל מיר שוין רעדן פון די גמרא, 'וואָס' איך דַרְשְׁ'ן פון די פְּסוּקִים.

מט

**קושיא כב**

ברש"י מביא כאן, דחמשה פעמים מצינו יעקוב מלא ואליה חסר,
לפי שיעקב נטל אות משמו של אליהו, לְעֵרָבוֹן שיבוא ויבשר גאולת בניו

**רש"י זאָגט**[יב], **וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב**, 'יַעֲקוֹב' איז מָלֵא [וא"ו].

ברענגט ער אַ מימרא - ס'איז אויך אַ מימרא, אַ מאמר חכמינו ז"ל[יג], [און] רש"י ברענגט עס דאָ צי, - יעקב אבינו האָט גענומען אַ מַשְׁכּוֹן פון אֵלִיָּהוּ'ן די וא"ו, אין **פינף פּלעצער איז אֵלִיָּהוּ חסר** [אֵלִיָּה] **און יַעֲקוֹב איז מָלֵא,** [ווייל] **יעקב אבינו האָט פינף מאָל** גענומען די וא"ו פון אֵלִיָּהוּ'ן, און עס אַריינגעשטעלט אין יַעֲקֹב אָבִינוּ, ס'זאָל זיין אַ **מַשְׁכּוֹן** [אַז] ער זאָל גיין מְבַשֵּׂר זיין [פאַר] אידן די גְּאוּלָּה.

נ

והקשה המזרחי, למה הוצרך ליטול המשכון ה' פעמים, ולא סגי בנטילת האות פעם אחת

כב) פרעגט דער **מזרחי**[יד], זאָגט ער איך ווייס נישט פאַרוואָס זענען **די פינף מאָל.** ממה נפשך [אם הוצרך למשכון, הרי] **פאַר אַ מַשְׁכּוֹן איז גענוג איין מאָל, פאַרוואָס דאַרף מען פינף מאָל.**

---

[יב] **ברש"י** (כו, מב): **וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב. בחמשה מקומות נכתב מלא, ואליהו חסר בחמשה מקומות. יעקב נטל אות משמו של אליהו, עֵרָבוֹן, שיבוא ויבשר גאולת בניו.**

[יג] **ועיין כעין זה במדרש חסירות ויתירות** (פרשת בחקותי).

[יד] **בפי' הרא"ם** (שם): **יעקב נטל אות משמו של אליהו ערבון שיבא ויבשר גאולת בניו. לא ידעתי טעם 'לחמשה' מקומות, כי כבר היה מספיק זה במקום אחד. ושמא היה זה כאילו נשבע בחמשה חומשי תורה, כמו שנכתב יִשְׂרָאֵל חמש פעמים בפסוק אחד** (בהעלותך ח, יט. וברש"י שם)**, כנגד חמשה חומשי תורה.**

KolSatmar.com

נא

### תירוץ המזרחי - על קושיא כב

והמזרחי מתרץ, דהוא רמז שהשביעו בחמשה חומשי תורה

**זאָגט דער מזרחי, אפשר קאָן זיין [ווייל] ער האָט אים ׳באַשוואוירן׳ מיט חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, דאָס איז אַ רֶמֶז, [ער האָט] פינף מאָל גענומען אַקעגן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה.**

נב

### קושיית הגור אריה - על תירוץ המזרחי

אבל הגור אריה הקשה על זה, דלמה הוצרך להשביעו, והלא סגי בנטילת ערבון. ולא מצינו בדברי רש״י שהיה כאן שבועה

**און דער גור אריה [זאגט][טו] ס׳געפעלט אים נישט, ער ווענדט עס אָפּ. [ווייל] ממה נפשך, פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט ׳באַשווערן׳, פאַרוואָס האָט ער באַשוואוירן. ממה נפשך, אַז ער האָט גענומען אַ מַשְׁכּוֹן, האָט ער נישט געדאַרפט באַשווערן, [און] אַז ער האָט באַשוואוירן, האָט ער נישט געדאַרפט נעמען קיין מַשְׁכּוֹן.**

**און וואו שטייט דען [שלקח אות ו׳] אַלץ ׳שְׁבוּעָה׳, ס׳שטייט נאָר ער האָט גענומען [אלץ] אַ ׳מַשְׁכּוֹן׳.**

[ועל כל פנים] **ער ווענדט עס אָפּ.**

נג

### תירוץ הגור אריה - על קושיא כב

והגור אריה מתרץ, דענין הערבון הוא בא בתקיעת כף היד, וכמאמר הכתוב אִם ׳עָרַבְתָּ׳ לְרֵעֶךָ תָּקַעְתָּ לַזָּר ׳כַּפֶּיךָ׳. ולכן נטל ה׳ אותיות נגד החמשה אצבעות שביד

[און] **איבערדעם זאָגט ער** [בגור אריה, בטעם החמשה פעמים, ווייל] **דאָס איז דאָך געווען אַ מַשְׁכּוֹן,** [והיא] **אַן עֵרָבוּת,** [און] **ביי אַ עָרֵב שטייט דאָך** (משלי ו, א) **אִם ׳עָרַבְתָּ׳ לְרֵעֶךָ תָּקַעְתָּ לַזָּר ׳כַּפֶּיךָ׳, אַן עֵרָבוּת גייט מיט תְּקִיעַת ׳כַּף׳, און די הענט האָט פינף אֶצְבָּעוֹת. זענען די פינף מאָל אַ רֶמֶז אויף פינף אֶצְבָּעוֹת.**

**אַזוי זאָגט דער גור אריה.**

נד

### מה שקשה על תירוץ הגור אריה

אמנם לכאורה תירוץ הגור אריה תמוה יותר, א] שהרי לא נזכר כלל ברש״י ענין תקיעת כף. ב] ועוד דאם אם היה שם תקיעת כף, מה צורך לרמוז זאת בה׳ אצבעות. ג] והרי בכף היד עצמו אין שם פירוד האצבעות, והכל אחד

**אָבער דאַכט זיך מיר,** [אַז] **דאָס איז נאָך שווערער.**

א] [דאינו מובן] **וואו קומט אַהער תְּקִיעַת כַּף, מאן דכר שמיה** [של תקיעת כף, בדברי רש״י].

---

[טו] **בגור אריה** (שם, אות מט)**: יעקב נטל אות משמו. פירש הרא״ם, כי הטעם ה׳ מקומות, דהוי כאילו נשבע בחמשה חומשי תורה שיבוא ויגאל אותם. ○ ואין זה טעם, דכיון דנטל אות משמו של אֵלִיָּה לְעֵרָבוֹן, למה היה** צריך שבועה, ואם שבועה למה עֵרָבוֹן. אבל יש לומר כי הנותן עֵרָבוֹן נותן לו כף יד, כדכתיב (משלי ו, א-ג) **בְּנִי אִם עָרַבְתָּ לְרֵעֶךָ תָּקַעְתָּ לַזָּר כַּפֶּיךָ,** לֵךְ הִתְרַפֵּס, לך והתר פס [יד] (בבא מציעא קטו. ועוד). **ויש חמשה אצבעות בכף היד, לכך נטל בחמשה מקומות הוי״ו של אליה, כאילו כפו - שהוא חמשה אצבעות הם - אצל יעקב. והאצבע דומה** לוי״ו, לכך הוי״ו מן אֵלִיָּה חסר, והיא נתונה ליעקב. ובמסכת אהלות (א, ח) מונה שלשים אברים בפיסת יד של אדם, וחמשה וואוי״ן הם שלשים, שלקח יעקב פיסת ידו של אליהו, לערבון שיבוא ויגאל את בניו. ○ **וטעם המדרש הזה, רָמַז לך כי אֵלִיָּה לא נברא רק שיגאל את ישראל, ולדבר זה עומד. ומכיון שהוא עומד לזה, ולא** היה זה עדיין, **לפיכך** נטל אות מאותיות שמו של אליהו, **לְעֵרָבוֹן** אצל יעקב, כלומר אֵלִיָּה אין שמו שלם, מפני שכל עצמו עומד לגאול את ישראל בני יעקב, לכן אות משמו נמצא אצל יעקב, לפי שהוא משלים את שם אֵלִיָּה כשיגאול את בניו, וכל זמן שזה לא נעשה, שמו חסר. ותשלום שמו אצל יעקב, שבני יעקב עומדים לגאולה. וכשיהיו נגאלים אז יהא שמו של אֵלִיָּהוּ שלם, שלא נברא אֵלִיָּה רק לגאול את בני יעקב.

KolSatmar.com

ב) און [דעס אַז] תְּקִיעַת כַּף איז גיוועגדט אין 'אֶצְבָּעוֹת'? [והרי] דער כַּף [היד] ווערט דאָך נישט אָנגערופן די אֶצְבָּעוֹת, [אלא] דער כַּף ווערט דאָך אָנגערופן [דארט ווי ס'איז] גראָד [די 'האַנט פלאַך' שהיא למעלה מן האצבעות, ושם הכל אחד ולא חמשה].

ג) און וואָס פעלט מיר אויס [דער רמז, אַז] ער האָט געדאַרפט פינף מאָל ווייל ס'האָט [דער כַּף] פינף אֶצְבָּעוֹת. [והרי] ממה נפשך, כַּף [ברמז מספר אחד] איז [אויך] תְּקִיעַת כַּף, [אף לדבריו] אַז ס'איז געווען [תקיעת כף].

נה

ועוד דכשם שהקשה הוא עצמו על תירוץ המזרחי, דאם נטל ערבון למה הוצרך עוד לשבועה, כמו כן יוקשה לתירוצו, דאם יש נטילת ערבון למה הוצרך גם לתקיעת הכף. ואף שמביא זה מלשון הפסוק שנזכר שם תקיעת כף עם הערבון, אבל לא מצינו בפוסקים שיהא צורך לעשות תקיעת כף אצל משכון או קבלת ערבות

ד) איבערהויפּט [קשה], תְּקִיעַת כַּף מאַן דכר שמיה. [והרי] פונקט ווי ער פרעגט [על תירוץ המזרחי] אויף 'שְׁבוּעָה', וואָס האָט [אויס]געפעלט אַ שְׁבוּעָה, [כמו כן יוקשה גם על התקיעת כף, דמה צורך היה לזה].

[והגם] ס'שטייט טאַקע תָּקַעְתָּ לַזָּר כַּפֶּיךָ, ס'ווערט אָנגערופן [אזוי], אָבער פונדעסטוועגן שטייט נישט [אַז] אַן עֲרֻבּוֹת 'מוז זיין' מיט תְּקִיעַת כַּף, ס'שטייט נישט אין ערגעץ, [רק סגי להיות נעשה ערב] אַז ער זאָגט [המלוה להערב בשעת ההלואה, חֲזִי כִּי] עֲלָךְ קָא סָמִיכְנָא[טז].

[וניתי ספר ונחזי] לאָמיר זען 'די הֲלָכָה', ס'שטייט נישט [בפוסקים להלכה אַז] ס'מוז זיין תְּקִיעַת כַּף[יז].

איבערהויפּט אַז ס'זאָל טאַקע פונקטליך [פינף] אַזוי ווי ביי יעקב אבינו, אַ 'חשבון' פון תְּקִיעַת כַּף.

נו

און [אפילו] אַז ס'איז שוין יאָ געווען תְּקִיעַת כַּף, איז דער רמז [דייקא דורך] די פינף אֶצְבָּעוֹת? [ס'איז] אַלץ [נאָך] קָשֶׁה לְהָבִין.

# ישוב הקושיות בפסוק וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי

קפו

## הקדמה לישוב קושיא יח-כ

(עד אחר אות קצט)

נאָר דעס וואָס איך האָב מיך דאָ געשטעלט ביי דעם בְּרִית אָבוֹת (קושיא יח), [און אויף] וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר (קושיא יט-כ) – לאָמיר נאָר זען – דעס וואָס ס'שטייט נאָכאַמאָל [וְהָאָרֶץ 'אֶזְכֹּר'].

---

[טז] כמבואר בב"ח (חו"מ סימן קכט) ובש"ך (שם ס"ק ז) בשם ים של שלמה (בבא קמא פ"ט סימן כד), לענין הדין שכתב ברמ"א (שם, ב. והובא בהערה שאחר זה) דסגי בשהערב אומר למלוה כי בטחו הוא ועשאו על פיו, ועל זה כתבו דצריך גם כן שהמלוה יאמר להערב חזי דעלך קא סמיכנא.

[יז] וכמבואר בשלחן ערוך ורמ"א (חו"מ קכט, ב): אמר להם בשעת מתן מעות הַלְוֵהוּ ואני ערב, נשתעבד הערב ואינו צריך קנין. הג"ה, ואפילו לא נתערב בהדיא, רק שאומר למלוה להלוות ללוה כי בטוח הוא, ועשאו על פיו, והיה שקר, חייב לשלם לו, דהוי כאילו נתערב לו (מהרי"ו סימן פ). [ועעו"ש בסעיף א' וסעיף ה', דאף בגוונא דקנו מידו, או במקום דשפיר צריך קנין, אין צריך תקיעת כף דייקא, רק הוא שייך בכל קנין. ושיש מקומות שנהגו דצריך דוקא קנין אחר ולא תקיעת כף, כמבואר ברמ"א סעיף ה'].

KolSatmar.com

קפז

[והנראה בזה, דהנה] **דאָס קאָן קיינער נישט מַכְחִישׁ זיין** [שברית אבות קיימת, וכדכתיב] **וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת בְּרִית אֲבֹתֶיךָ**, [וכן בכאן בסוף התוכחה דמיירי מסוף הגלות, כתיב ביה] **וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב וגו׳ וְאֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכֹּר**, [ואם כן] **ווי קאָן מען זאָגן תַּמָּה זכות אבות.**

[און] **איך האָב** [שוין] **געזאָגט אַמאָל**[יח] **אויף דעם פְּשָׁטִים**, [לבאר] **וואָס דער פְּשַׁט איז** [באומרם תמה זכות אבות, ולבאר וויאַזוי] **ס׳קאָן זיין, אויף וואָס פאַר אַן אופן.**

קפח

לענין הגאולה העתידה, לכולי עלמא לא תמה זכות אבות, וכדיבואר להלן

**נאָר איך האָב אַמאָל געזאָגט שוין**[יט]**, ס׳איז דאָ נאָך עפּעס אַ בחינה אויך.**

[ווייל] **דאָרט וואו ס׳האַנדלט זיך אין די גְאוּלָה, הערט זיך אויף דעם גאַנצע מין** [שמועס], **די גאַנצע בחינה פון תַּמָּה זְכוּת אָבוֹת. מ׳קאָן גאָרנישט שמועסן** [דאָרט] **פון דעם, דאָס קומט גאָרנישט אַריין אין דער פְּלוּגְתָּא** [שבגמרא, בענין תַּמָּה זכות אבות].

קפט

**[קושיא בדברי רש״י וארא]**

ברש״י וארא: וּשְׁמִי ה׳ לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם, לא נכרתי להם במדת אמיתית שלי, שהרי הבטחתי ולא קיימתי.

והקשו על זה, דהלא עדיין לא הגיע הזמן לזה באותה שעה, ואכתי לא שייך לומר הבטחתי ולא קיימתי

[ונקדים לבאר גם וואָס] **רש״י זאָגט**[כ] [בענין הנאמר בפרשת וארא (ו, ד-ה)] **וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם, וְגַם הֲקִמֹתִי אֶת בְּרִיתִי אִתָּם לָתֵת לָהֶם אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן אֵת אֶרֶץ מְגֻרֵיהֶם אֲשֶׁר גָּרוּ בָהּ.** [ולעיל מיניה כתיב (שם, ג)] **וּשְׁמִי ה׳ לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם**, [ועל זה פירש רש״י, **לא נכרתי להם במדת אמיתית שלי**] **שהרי הבטחתי ולא קיימתי.**

**פרעגן דאָך אַלע די קַשְׁיָא**, [והלא] **ס׳איז נאָכנישט געווען דער זְמַן** [דערצו, אַז] **מ׳זאָל** [עס] **מְקַיֵּים זיין.** [כי עדיין לא ישבו במצרים ת׳ שנה, וגם לא הגיע עדיין הזמן של וְדוֹר רְבִיעִי יָשׁוּבוּ הֵנָּה (לך טו, טז)]. (ישוב קושיא זו, ראה להלן באות רלו)

קצ

**[המשך הקדמה לישוב קושיא יח-כ]**

בגמרא למדו תחיית המתים מן התורה, מהפסוק וְגַם הֲקִמֹתִי אֶת בְּרִיתִי אִתָּם לָתֵת ׳לָהֶם׳ אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן, להאבות עצמן

[ויבואר זה על פי וואָס] **די גמרא זאָגט אין סנהדרין**[כא]**, מנין לתחיית המתים מן התורה, שנאמר** (וארא שם) **וְגַם הֲקִמֹתִי אֶת בְּרִיתִי אִתָּם לָתֵת ׳לָהֶם׳ אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן, ׳לָכֶם׳ לא נאמר, אלא ׳לָהֶם׳, מכאן לתחיית המתים מן התורה.** [ווייל] **פאַרוואָס שטייט נישט לָכֶם**, [אַז] **מ׳זאָגט פאַר ׳ענק׳** [אידן, נאָר ס׳שטייט] **לָהֶם פאַר ׳זיי׳** [די אבות, והרי] **זיי זענען**

---

[יח] בס״ג ויחי תשכ״א האריך רבינו בזה, וכן ביאר רבינו זה בדרשת **הושענא רבה תשי״ד** (לשון קדשו קונטרס לז, אצל הושענא למען בריתך) **ותשכ״ד, ואצל ההקפות שמחת תורה תשכ״ב** (נדפס בדברי יואל שם, אות מב) **ובס״ג עקב תשכ״ב, וארא תשכ״ד, וארא תשכ״ה, ועוד.**

[יט] בס״ג עקב תשכ״ה, ובדרשת ראש השנה תשכ״ו (נדפס בדברי יואל לר״ה, אות מא). עיין שם בחינה קרובה לזו, בעיקר הענין דכלפי הגאולה העתידה לא תמה זכות אבות. אבל בכאן כנראה שהוסיף טעם וביאור חדש בזה.

[כ] ברש״י וארא (ו, ג): **וּשְׁמִי ה׳ לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם. לא ׳הודעתי׳ אין כתיב כאן, אלא לֹא ׳נוֹדַעְתִּי׳. לא נכרתי להם במדת אמתית שלי שעליה נקרא שמי ה׳, נאמן לאמת דְּבָרַי, שהרי הבטחתים ולא קיימתי.**

[כא] בגמרא סנהדרין (צ:): תניא רבי סימאי אומר, מניין לתחיית המתים מן התורה, שנאמר וְגַם הֲקִמֹתִי אֶת בְּרִיתִי אִתָּם לָתֵת לָהֶם אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן, ׳לָכֶם׳ לא נאמר אלא ׳לָהֶם׳, מכאן לתחיית המתים מן התורה.

KolSatmar.com

דאָך שוין נישט [געווען] אויף דעם עוֹלָם, אלא מאי מוז זיין [אַז] **זיי וועלן אויפשטיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים**, און **זיי וועלן גיין קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**, [ואז יותן הארץ 'להאבות' עצמם].

קצא
ונמצא שיש כריתת ברית להאבות, שהם עצמן יבואו ויירשו את הארץ בזמן תחיית המתים

איז [דאָך] **דאָ אַ כְּרִיתַת בְּרִית פון הקדוש ברוך הוא צו אברהם אבינו, און צו די** [שאר] **אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים, אַז מ'וועט פאַר זיי געבן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ביי תְּחִיַּת הַמֵּתִים.**
**אַזוי זאָגט די גמרא.**

קצב
[קושיא בגמרא סנהדרין]
ולכאורה יש לדקדק בזה, למה נרמז ענין תחיית המתים בכאן,
במקום דמיירי מגאולת מצרים שעדיין לא הגיע אָז הזמן לתחיית המתים

- [וגם בזה קשה] **לכאורה פאַרוואָס קומט עפּעס אין דעם פסוק** [דייקא, ענין] **תחיית המתים. וואָס פאַר אַ שייכות** [האָט עס] **פונקט דאָ ער זאָל מיר דערציילן דעם לָתֵת לָהֶם**, [והרי] **דער עיקר שמועסט מען** [דאָ אַז] **מ'זאָל אויסלייזן אידן פון מִצְרַיִם**, [פון דעם **איז דאָך נאָך געווען די רעדע**, [און] **דעמאָלטס איז נאָכנישט געווען די תְּחִיַּת הַמֵּתִים. אין מִצְרַיִם זענען זיי נאָכנישט אויפגעשטאַנען** [לתחייה].

קצג
והגם שהאבות עמדו שם בגאולת מצרים וקריעת ים סוף, וכמו שדרשו בפסוק נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה פֶלֶא.
אבל תחיית המתים ממש הנרמז בכאן, וירושת הארץ על ידי האבות עצמן, זה לא היה עדיין בגאולת מצרים

[והגם] **ס'שטייט**[כב] **אפילו** [שהאבות עמדו שם בגאולת מצרים וקריעת ים סוף, ועל זה נאמר] **נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה פֶלֶא** (תהלים עח, יב) **אַז מ'האָט זיי געוויזן** [להאבות הקדושים], **ביי קְרִיעַת יַם סוּף זענען זיי 'געווען דערביי', און זיי האָבן געזען אַלעס.**

קצד
**אָבער אף על פי כן**, [ווען מ'איז געגאַנגען] **קיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שטייט דאָך נישט** [שעמדו שם האבות], **איז דאָס נאָכנישט געווען.**

**וְהָרַאְיָה, וואָרן פון דאַנעט** [ממה שנאמר 'להם' בנתינת הארץ] **איז דאָך גערדינגען תְּחִיַּת הַמֵּתִים.** [און] **ווען ס'העט 'דעמאָלטס' גיוועזן שוין מְקוּיָּם געוואָרן** [בעת כניסתם לארץ בימי יהושע], **איז דאָך נישט גערדינגען** [תחיית המתים מן התורה, על לעתיד לבא], **העט דאָך גיוועזן דער לָתֵת 'לָהֶם' מקויים געוואָרן דעמאָלטס** [בימי יהושע], **העט דאָך נישט געווען גערדינגען פון דאַנעט אַז ס'וועט נאָך זיין 'שפּעטער' תְּחִיַּת הַמֵּתִים.**

קצה
[ועוד שהרי] **וואָס ער זאָגט** [בגמרא] **תחיית המתים מן התורה, איז** [דער מכוון] **אין 'פַּשְׁטוּת'**, [אַז] **זיי וועלן אויפשטיין** [לתחייה גמורה], **און זיי וועלן גיין** [לארץ ישראל] **אַזוי ווי ס'קער צו זיין** [בפועל ממש], **נישט אַזוי ווי** [כמו שהיה בקריעת ים סוף, וואָס] **דעמאָלטס זענען דאָך נאָר געקומען די נשמות. ס'שטייט טאַקע נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה פֶלֶא, אָבער אַלץ נאָר די נפשות, נישט מיט די גופים וכדומה.** - (ישוב קושיא זו, ראה להלן באות רלה)

[כב] **בבראשית רבה** (צב, ב): רבי פנחס בשם רבי הושעיא אמר, נטל הקב"ה רגליו של **אבינו יעקב** והעמידן על הים, ואמר לו רְאֵה נסים שאני עושה עם בניך. הדא הוא דכתיב (תהלים קיד, א) בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם, ישראל סבא. רבי הונא בשם רבי אחא אמר, אף רגליהם של אבות העמיד על הים, הדא הוא דכתיב (שם עח, יב) נֶגֶד אֲבוֹתָם עָשָׂה פֶלֶא.

KolSatmar.com

קצו

**[המשך הקדמה לישוב קושיא יח-כ]**

ועכ"פ מכיון שהאבות הק' עצמן הובטחו בביאת וירושת הארץ לעתיד לבא, הרי עבור אצלם בודאי לא תמה זכותם הגדול של האבות הק'. ורק בהנוגע להדורות שייך לומר ענין תמה, באם ח"ו אין הבנים אוחזים מעשה אבותיהם בידיהם

**יהיה איך שיהיה, דער בְּרִית אָבוֹת איז דאָך אַז מ'וועט פאַר 'זיי' געבן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נו ברויך מען דאָס טון פון זייערט וועגן אַליין,** [ואם כן] **ווי קען מען זאָגן תַּמָּה זְכוּת אָבוֹת.**

[דבשלמא במה שנוגע רק] **פאַר די 'דורות', קאָן מען זאָגן** [אַז] **די שפּעטערע דורות** [תמה זכות אבות, ווען] **ס'איז נישט אוחזין מעשה אבותיהם בידיהם.** [כך אפשר לפרש] **אויף דעם וְעֹשֶׂה חֶסֶד לַאֲלָפִים** (יתרו כ, ו)**.**

קצז

ועל דרך זה יתורץ מה דקשה עוד על אומרם תמה זכות אבות, מדברי הכתוב וְעֹשֶׂה חֶסֶד לַאֲלָפִים, שהם אלפיים דור. אבל יש לומר דזה הפסוק הוא רק באוחזין מעשה אבותיהם בידיהם, וכעין הכתוב שלאחר זה פֹּקֵד עֲוֹן אָבֹת עַל בָּנִים, שמבואר להדיא בגמרא דהוא רק באוחזין מעשה אבותיהם בידיהם

[דהנה] **לכאורה איז דאָך** [דאָ נאָך] **אַ קַשְׁיָא** [על אומרם תמה זכות אבות, שהרי] **ס'שטייט דאָך עֹשֶׂה חֶסֶד לַאֲלָפִים,** [ואם כן] **וואו קען מען זאָגן תַּמָּה זכות אבות, ס'איז נאָכנישט געווען** [קיין אֲלָפִים דור, שהרי] **ס'איז נישטאָ קיין אלפיים דור** [בששת אלפים שנה]**.**

**נאָר וואָס'זשע דען, דאָס איז דאָך נאָר** [כשאוחזין מעשה אבותיהן הטובים בידם]**, דער גאַנצער פסוק** [ועושה חסד לאלפים] **שמועסט** [רק באופן כזה]**.**

**פונקט אַזוי ווי יענעס** [בפסוק פֹּקֵד עֲוֹן אָבוֹת (שם, ה) הסמוך לה] **שמועסט** [מען ווען ס'איז] **שאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם**[כג]**. קען מען זאָגן**[כד] [דהפסוק עֹשֶׂה חֶסֶד לַאֲלָפִים] **דאָס איז אויכעט אַזוי**[כה]**.**

קצח

אבל כל זה שייך לומר רק בהנוגע לדורות הבנים, אבל להאבות הק' עצמן בודאי לא תמה זכותם הגדול לעולם. ואדרבה גדולים צדיקים במיתתם עוד יותר מבחייהם. ואם כן הברית **אבות** לענין שהם עצמן יעמדו לתחייה בזמן הגאולה וישבו בארץ ישראל, ועל כן כלפי שנוכל לזכות להגאולה העתידה, לענין זה ודאי זכות **אבות** לעולם קיימת, עבור האבות עצמן

**על כל פנים** [ווען] **דאָס איז די רעדע 'פאַר אידן' אַליין, איז** [שייך לומר] **תמה זכות אבות, אָבער זיי אַליין** [האבות הקדושים בעצמם] **זענען דאָך די זעלבע** [צדיקים, העומדים

---

[כג] **כמבואר בגמרא סנהדרין** (כז:)**: תנו רבנן לֹא יוּמְתוּ אָבוֹת עַל בָּנִים** (תצא כד, טז)**, מה תלמוד לומר, אם ללמד שלא ימותו אבות בעון בנים ובנים בעון אבות, הרי כבר נאמר** (שם) **אִישׁ בְּחֶטְאוֹ יוּמָתוּ, אלא לֹא יוּמְתוּ אָבוֹת עַל בָּנִים, בעדות בנים, וּבָנִים לֹא יוּמְתוּ עַל אָבוֹת, בעדות אבות. ○ ובנים בעון אבות לא, והכתיב פֹּקֵד עֲוֹן אָבֹת עַל בָּנִים. התם כשאוחזין מעשה אבותיהן בידיהן** [פירש"י: ונפרעין מהן עונותיהן ועון אבותיהם]**, כדתניא, וְאַף בַּעֲוֹנֹת אֲבֹתָם אִתָּם יִמָּקּוּ** (בפרשתן כו, לט)**, כשאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם. אתה אומר כשאוחזין, או אינו אלא כשאין אוחזין, כשהוא אומר אִישׁ בְּחֶטְאוֹ יוּמָתוּ, הרי כשאוחזין מעשה אבותיהן בידיהן. ולא, והכתיב וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו** (שם, לז) [איש בשביל אחיו]**, איש בעון אחיו, מלמד שכולן ערבים זה בזה, התם שהיה בידם למחות ולא מיחו.**

[כד] **וכן ביאר רבינו גם בדרשת ראש השנה תשכ"ו** (נדפס בדברי יואל לר"ה אות מא, ד"ה אמנם אפשר)**, ובדברי יואל להושענא רבה** (אות ק)**. וכן מפרש באבן עזרא יתרו** (כו, ו)**, ובמרכבת המשנה על המכילתא** (בא פ"ז, ה)**. - ולעומת זה עיין בדרשת ראש השנה תשכ"ו** (בדברי יואל אות מא) **שהביא בשם היפה תואר** (על שמו"ר ד, ט) **שכתב דמדת עושה חסד לאלפים שייך אף בשאין אוחזין מעשה אבותיהם, ועיי"ש בדברי רבינו מה שמחלק בזה, ליישב הסתירות שבענין זה.**

[כה] **וכדמשמע ממה דמדמינן לה אהדדי, במה שדרשו מזה** (תוספתא דסוטה פ"ד מ"א, והובא ברש"י יתרו שם ובכ"מ) **דמדה טובה מרובה על מדת פורענות ת"ק פעמים, שהרי במדה טובה נאמר אלפיים דור, ובמדת פורענות נאמר ד' דורות.**

KolSatmar.com

בזכותם הגדול, ונמצא] **זיי האָבן דאָך די פאָדערונג פאַר זיך, זיי אַליין, טאַקע די אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַליין, אויף זיי האָט זיך דאָך נישט אויסגעלאָזט** [זכותם הגדול], **איז דאָך נישט פאַרהאַנדן אַז ס'האָט זיך אויסגעלאָזט,** [והרי] **אדרבה גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם** (חולין ז:)**, ס'קען דאָך נישט זיין** [שיכלה זכותם הגדול בעד עצמם].

